די פיזיאָנאָמיע פון צאַריצין איז אין א קורצער צייט געוואָרן אינגאַנצן נישט צו דערקענען. די שטאָט, ווו נאָך נישט לאַנג האָט אין די גערטנער געדונערט מוזיק, ווו די אָנגעלאָפענע בורזשואַזיע האָט מחנותוויז, צוזאַמען מיטן ווייסן אָפיצירנטום אָפן שפּאַצירט איבער די גאַסן, ווערט פאַרוואַנדלט אין א רויטן קריגלאַגער, ווו איבער אַלץ האָט געהערשט די שטרענגסטע אָרדענונג און מיליטערישע דיסציפּלין. דאָס דאָזיקע פאַרפעסטיקן דאָס הינטערלאַנד האָט תיכף גוט געווירקט אויף דער שטימונג פון אונזערע פולקן, וואָס האָבן זיך געשלאָגן אויפן פראָנט. דער קאָמאַנדירן־באַשטאַנד, דער פּאָליטישער באַשטאַנד און די גאַנצע רויטאַרמייאישע מאַסן הויבן אָן פילן, אַז מיט זיי פירט אָן א פעסטע רעוואָלוציאָנערע האַנט, וואָס פירט דעם קאַמף פאַר די אינטערעסן פון די אַרבעטער און פויערים און באַשטראָפט אומברחמנותדיק די שונאים, וועלכע זי באַגעגנט אויפן וועג פון דעם דאָזיקן קאַמף.

חבר סטאַלינס אָנפירונג באַגרענעצט זיך נישט מיטן קאַבינעט. ווען די נויטיקע אָרדענונג איז איינגעשטעלט, ווען עס איז אויפגעשטעלט די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, גייט ער אַוועק אויפן פראָנט, וואָס האָט צו יענער צייט זיך אויסגעצויגן אויף העכער 600 קלמ. און מען האָט געדאַרפט זיין סטאַלין און פאַרמאָגן זיינע קאָלאָסאַלע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן, כדי, נישט האָבנדיק קיין מיליטערישע צוגרייטונג (סטאַלין האָט קיינמאָל נישט געדינט אין מיליטער), אַזוי גוט פאַרשטיין די ספּעציעלע מיליטערישע פראַגן אין יענער אויסערסט שווערער סיטואַציע.

איך געדענק, ווי איצט, דעם אָנהויב אויגוסט 1918 יאָר. קראַסנאָווס קאָזאַקישע טיילן מאַכן אַן אָנגריף אויף צאַריצין און פרובירן מיט א קאָנצענטרירטן קלאַפּ אָפּוואַרפן די רויטע פולקן צו דער וואָלגע. דאָס רויטע מיליטער בראָש מיט דער קאָמוניסטישער דיוויזיע, וואָס איז דורכאויס באַשטאַנען פון אַרבעטער פון דאָנבאַס, שלאָגן אָפּ אין משך פון פיל טעג דעם אויסערגעוויינלעך שטאַרקן דראַנג פון די אויסגעצייכנט־אָרגאַניזירטע קאָזאַקישע טיילן. דאָס זיינען געווען טעג פון דער גרעסטער אָנשטרענגונג. מען האָט געדאַרפט זען דעם חבר סטאַלין אין יענער צייט. ווי שטענדיק, א רויקער, פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, איז ער בוכשטעבלעך גאַנצע מעת־לעתן נישט געשלאָפן, איינטיילנדיק זיין אינטענסיווע אַרבעט צווישן די שלאַכט־פּאָזיציעס און דעם שטאַב פון דער אַרמיי. די לאַגע אויפן פראָנט איז געוואָרן כמעט קאַטאַסטראָפאַל. קראַסנאָווס טיילן האָבן אונטער דער קאָמאַנדע פון פיצכאַלאַוראָוו, מאַמאָנטאָוו און אַנדערע, דורך א גוט דורכגעטראַכטן מאַנעווער, געשטויסן אונזער אויסגעמאַטערט מיליטער, וואָס האָט געהאַט קאָלאָסאַלע פאַרלוסטן.

דער פראָנט פונם שונא, וועלכער איז געווען אויסגעבויגן, ווי א פּאָדקאָווע, וואָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט אירע פלאַנקען אויף דער וואָלגע, האָט זיך מיט יעדן טאָג צונויפגעצויגן אַלץ מער און מער. מיר האָבן נישט געהאַט קיין וועגן אויף אָפּצוטרעטן. אָבער סטאַלין האָט וועגן זיי גאָרנישט געזאָרגט. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט איין באַוווסטזיין, מיט איין איינציקן געדאַנק — זיגן. צעקלאַפּן דעם שונא פאַר יעדן פּרייז. און דער דאָזיקער אייזנפעסטער ווילן סטאַלינס האָט זיך איבערגעגעבן אַלע זיינע נאָענטסטע מיטקעמפער, און, נישט געקוקט אויף דעם כמעט אויסוועגלאָזער לאַגע, האָט קיינער נישט געצווייפלט אינם זיג.

און מיר האָבן געזיגט. דער צעטראַמפּירטער שונא איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן ווייט צום דאָן.

### ש. ראַסין

# לויב צו זיי פון דור צו דור

גאָר דעם הימל קריצן בליצן,
אין די זאַמדן די צעגליטע,
פון די שלאַכטן ביי צאַריצין,
טראָגט ביז היינט זיך נאָך דער רום.

ס'האָט ביז היינט זיך נאָך פאַרהיט דאָרט
פון דעם שלאַכט־שטורעם דער שפּור
אין די זאַמדן די צעגליטע,
אויף די אומוועגן אַרום.

פאַר דעם פיין פון מיליאָנען,
פאַרן פרייען מאַרש פון מענטש
האָבן שטורעמדיקע פאָנען
דאָן געפלאַטערט אין די הענט.

יענער רום וועט אייביק בלענדן
מיטן בלאַנק פון שאַרפן שטאָל,
ער וועט קלינגען אין לעגענדעס
פון דעם אויפגעוואַכטן פאָלק.

רום די העלדן יענע אַלע,
לויב צו זיי פון דור צו דור,
די, וואָס זיינען דאָן געפאַלן
אין די הייסע שלאַכטן דאָרט;

די, וואָס האָבן זיך געראַנגלט
און דאָס גרויסע לאַנד באַשיצט, —
לויב די העלדישע פּאַלאַנגעס,
וועלכע זיינען דאָן געגאַנגען
מיטן פירער אין דער שפּיץ.

# אונזער באפרייער

אין דער פּראַקטיקער בערניקער געגנט פון גלושיצע אין נידערשלעזיע, אין א געדיכטן כמעט ווי אור־אַלטן וואַלד, אין וועלכן „גאָט האָט פאַרגעסן"; ווי עס האָבן זיך וועגן אונזער געגנט אויסגעדריקט די דייטשן, האָבן מיר געהאַט אונזער אַרבעט־לאַגער. העכער 2000 ייִדן פון „בירקענאַו" (בזשעזשינקע) זיינען דאָ געבראַכט געוואָרן צו פאַרניכטן. די אויסראָטונג אין אונזער לאַגער איז געווען א שטופנווייזע. ביז די לעצטע מינוטן האָט מען אונז געשלעפּט אין וואַלד בויען אונטערערדישע בונקערס, אין וועלכע ס'זיינען מאַגאַזינירט געוואָרן אַ צאָל געווער און אַמוניציע.

אָט אין אַזא לאַגע, אין א צייט פון פיזישע פיין און ליידן, האָבן מיר אין אונזערע הערצער און געדאַנקען געפּלעגט די האָפענונג פון דער נאָענטער באפרייונג. און טראָץ דעם, וואָס כמעט יעדן טאָג האָט מען אין א קאַסטן אַרויסגעשלעפּט פון לאַגער עטלעכע טויטע, האָבן די וואָס זיינען לעבן געבליבן, דאָס פייערל פון האָפענונג נישט געלאָזט פאַרלאָשן ווערן.

„רבונו של עולם, ווי דערלעבט מען שוין צו זען דעם רוסישן זעלנער, איך וואָלט דאָך אים געקושט דעם שטויב פון די פיס" קרעכצט האַרצרייסנדיק א קוים־זשיפּענדיקער מענטש, וואַרשעווער א גלוביקער. „איך אָבער וואָלט נישט געקושט דעם שטויב פון זיינע פיס, נאָר ארומגעכאַפּט אים און געזאָגט, גיב, גוטער ברודער, געווער אין האַנט און לאָמיר נקמה נעמען פאַר מיין פרוי און קינד.

מיר טיילן זיך מיט די לעצטע ידיעות: „מען זאָגט"; „איך האָב אויפגעכאַפּט"; „איך האָב אונטערגעכאַפּט"; „עס גרייט זיך" — דאָס זיינען געווען בשורות, וואָס האָבן געגעבן אונז כוח און מוט צום לעבן. „וואָסערע ווערט האָט שוין זיין (דעם דייטשס) וואָרפן זיך ווי אין פייער און שלאָגן אין אַלע זייטן, אַז מיר וועלן אים דאָך איבערלעבן".

הונדערטער פון די, וועלכע האָבן דאָס אַלץ מיטגעמאַכט, און געהאַפט ביז דער לעצטער מינוט, האָבן נישט דערלעבט די באפרייונג. זיי האָבן צוזאַמען מיט אונז, אָפּגעראַטעוועטע, איבערגעלעבט די גליקלעכסטע מינוטן אין אונזער לעבן, לייענענדיק די ידיעות פון דער דייטשער פּרעסע (וועלכע מיר האָבן געשמוגלט אין לאַגער) וועגן דער סאָוועטישער אָפענסיווע ביי דער ווייסל, וועגן דער באפרייונג פון פוילן און וועגן די קאַמפן ביי וראָצלאַוו. זיי האָבן צוזאַמען מיט אונז מיטגעמאַכט א טייל פון טראַנספּאָרט־וועג, וועלכער האָט געפירט פון גלושיץ, איבער וואַלבזשיך און פרידלאַנד, אין טויטן־לאַגער „פלאָסענבורג", וווּ יעדן טאָג האָט מען פון בלאָק, וועלכער האָט געציילט העכער 800 מענטשן אַרויסגעטראָגן מינדעסטנס 15 טויטע.

הונדערטער און טויזנטער האָבן פאַרזייט מיט זייערע קערפּערס אָט דעם טרויעריקן מאַרש־וועג. אָבער די לעצטע מינוטן, די לעצטע קרעכצן, די פאַרגלייזטע אויגן — זיינען געווענדט געווען צו דער העלדישער סאָוועטישער ארמיי. דער לעצטער קרעכץ איז געווען א ברכה דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און א קללה דעם היטלעריזם און ענגליש־אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם, וועלכער האָט זיין פאָליטישע שפּיל מיטן צווייטן פראָנט געבויט אויף הויפנס טויטע.



פּאָרויס, צום זיג!

מיר, לעבנגעבליבענע, האָבן דערטראָגן די צוואה פון די אומגעבראַכטע אין די לאַגערן און פון די אומגעקומענע אויף די טראַנספּאָרט־וועגן. מיר האָבן אַ שבועה געגעבן אונזערע פרייהייטיק־פאַרשניטענע ברידער פון די אינטערנאַציאָנאַלע טראַנספּאָרטן, רוסן, פראַנצויזן, גריכן, אונגאַרן, רומענער, נעגער, אז מיר וועלן קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט קעגן די שונאים, וואָס האָבן אונז אַזוי שרעקלעך געפייניקט און געמאָרדעט.

צוזאַמען מיט די העלדישע שלאַכט־לייט פון דער סאָוועטישער ארמיי, וועלן מיר נקמה נעמען אין די פאַשיסטישע רוצחים. מיר וועלן זיי יאָגן און דערשלאָגן, אומעטום, וווּ זיי זאָלן זיך נישט געפינען.

מ. קויפמאַן

## ה. בלאַשטיין
# פּאַטערלאַנד

פון קאַמטשאַטקע ביז טשעכדולטער*)
ביז קאַווקאַזער באַרג־אַרויפן —
אומעטום, ביי יעדער שול־טיר
שטייען קלוגע טעג און רופן:
— קומט, געטרייע! דרייסט און זיכער
גייט אויף לעבנס ברייטע וועגן!
ס'קוויקט, ווי פרילינגדיקער רעגן,
יעדעס וואָרט אין זיינע ביכער...

מירן ווערן אינזשעניערן —
נייע וואונדער־שטעט צו בויען;
מירן זוכן נייע שטערן
אינם אָוונט שעהן בלויען;
מירן דאָ אויף דער ערד געפינען
פונעם גליק די שיינע וויגן.
און דעם טויט אַליין באַזיגן
וועט די אַטאָם־קראַפט אונז דינען.

מירן עפענען די טיפן
פון דער ערד מיט אוצרות אַלע;
מירן פירן דרייסטע שיפן
לויטן וואָרט פון אונזער סטאַלין,
נייע דורכלייגן מאַרשרוטן,
אין די ווייטסטע ווייטן יאָגן...
און צו בליץ און דונער זאָגן:
— דינט אונז, ברידערלעך, צום גוטן!...

העלדישער פון אַלע מענער
איז ביי יעדן קינד — זיין פאָטער;
און פון אַלע מאַמעס שענער —
די, וואָס לעבט נאָר מיט זיין אָטעם...
ס'איז די בעסטע שטוב פון שטיבער —
די, וואָס גיט אַ דאַך אין שטורעם.
פאָטערלאַנד! ביסט שוץ און גבורה,
מוטערלאַנד! ביסט צאַרטע ליבע!

דו ביסט הייליק און גערעכטיק
אין דיין אָנגעשטרענגטן בויען;
דו ביסט מעכטיק, דו ביסט פּרעכטיק,
ווי די זון אין הימל בלויען!

*) טשעכדולטער — דער סאַמע דרומדיקער סאָוועטישער ישוב אויף דער גרענעץ מיט אַפגאַניסטאַן.

און זינאַווי אַליין האָט זיך ווייטער געלערנט, ער איז זעלבשטענדיק דורכגעגאַנגען דעם קורס פון העכער מאַטעמאַטיק. ער האָט זיך פאַרנומען מיט דיפערענציאַלע און אינטעגראַלע אויסרעכענונגען.

אַ קאָמיסיע, וועלכע איז אָנגעקומען פון מאָסקווע וויזיטירן די האַנטווערקער־שול, האָט זיך באַקענט מיט דעם קליינעם לערער. בעת לינבערגס קענטענישן האָבן זיי פאַרוווּנדערט. אין איינעם אַ שיינעם טאָג האָט מען זינאַוויען אַרויסגערופן קיין מאַלאַכאָוו צום פּראָפעסאָר לאַנקאָוו.

ביים פּראָפעסאָר אין קאַבינעט איז געזעסן נאָך עפּעס אַ מענטש, וועלכער האָט מיט אַ שמייכל אויסגעהערט לאַנקאָווס שמועס מיטן יינגל. לאַנקאָוו האָט געשטעלט זינאַוויען קאָמפּליצירטע מאַטעמאַטישע פראַגן. בערלינבערג האָט גלענצנדיק געענטפערט און באַוויזן אויסגעצייכנטע קענטענישן אין העכערער מאַטעמאַטיק און אין אַנאַליטישער געאָמעטריע.

דער מענטש, וועלכער איז געזעסן נעבן פּראָפעסאָר, איז פּלוצים אויפגעשטאַנען, אַרומגעכאַפּט דאָס יינגל, אים צוגעדריקט צו זיך און אָנגעהויבן אויספרעגן אים וועגן זיין פאַמיליע, ווי לעבט זיך אים.

דאָס איז געווען דער סעקרעטאַר פון מאַלאַכאָווער געגנטקאָם. פון אַלקפּ(ב) דער חבר גוסאַראָוו.

זינאַוויען מיט דער מוטער מיטן ברודערל האָט מען איבערגעפירט קיין מאַלאַכאָוו. דאָ איז ער דורכגעגאַנגען אַ צוגרייטונג־קורס. ווינטער־צייט איז ער אַרויסגעטרעטן מיט אַ פאָרטראַג אויף דער מאַטעמאַטישער סעקציע פון מאַלאַכאָווער אוניווערסיטעט.

וועגן זינאַוויען האָט מען זיך דערוווּסט אין מאָסקווע. מען האָט אים אַרויסגערופן אין דער הויפּט־שטאָט, דאָ האָט ער געהאַט אַ שמועס מיטן אַלגעבראַיסט קוראָש און מיטן מאַטעמאַטיקער העלפאַנד וועגן דער צאָלן־טעאָריע און וועגן מאַטעמאַטישער פיזיק. מען האָט אים פאַרנעלייגט אַריינטרעטן אין מאָסקווער מלוכהשן אוניווערסיטעט, נאָר דאָס יינגל האָט געענטפערט, אַז ער גאַרט אומקערן זיך אין זיין היימשטאָט קיעוו, וועלכע איז שוין צו יענער צייט געווען באַפרייט פון די דייטשן.

אין קיעוו האָט זיך מיט בערלינבערגן פאַראינטערעסירט דער פּראָפעסאָר באָגאָליובאָוו. דאָס יינגל האָט מען צוגענומען אין אוניווערסיטעט. איצט איז זינאַווי שוין אַ קאָמיוגיסט, איינער פון די בעסטע סטודענטן אין אוניווערסיטעט.

אַ גליקלעכער האָט זיך לייזער בערלינבערג אומגעקערט פון פראָנט. דערוויסנדיק זיך, וואָס פאַראַ דערפאָלג זיין זון האָט זיך דערשלאָגן, האָט דער אַלטער פראָנטאָוויק געזאָגט:

— דאָס לאַנד, ווו אין די האַרבע מלחמה־יאָרן איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען אַ טאַלאַנט־פול קינד, ווו מיט זיין גורל האָבן זיך פאַרנומען מלוכה־טוער און געלערנטע, — אָזאַ לאַנד איז ווערט, מען זאָל עס גיין באַשיצן מיט געווער אין דער האַנט, און אויב מען דאַרף, איז אויך אָפּגעבן דאָס לעבן פאַר דעם.

דער סאָלדאַט בערלינבערג האָט נישט אומזיסט דורכגעמאַכט זיין שווערן וועג פון אַ סאַפּיאָר. זיין עלטערער זון זינאַווי איז צו פערצן יאָר געוואָרן אַ סטודענט. און דער יינגערער ראובן מאַכט שוין צו אַכט יאָר די שווערסטע אַלגעבראַישע אויפגאַבן.

**יא. כעלעמסקי**

**בינעם העלער**



# ראָקאָסאָווסקי גייט!

איך דערמאָן זיך אַ טאָג צווישן רעגן און שניי,
ווען דאָס הארץ, אַ פאַרקלעמטס צווישן צאַרן און ווי,
האָט פאַר מאָסקווע געקלאַפּט און ביי מאָסקווע געוואַכט,
איך געדענק יענע צייט — די אומשטערבלעכע שלאַכט,
און צוויי ווערטער, צוויי ווערטער פון טרייסט און פון פרייד:
— ראָקאָסאָווסקי גייט!

ביז צום האַלז אינם פייער, אין בלוט ביז די קני,
אויף אַז ערד, ווו די ביימער פאַרגעסן אין בלי,
ווו די לופט און דער רויט און דאָס מענטשלעך געהער
איז צעהאַקט פון געשריי און פון לופט־שוץ־געווער —
דאָרט האָט סטאַלין געמאָלדן מיט רויקע רייד:
— ראָקאָסאָווסקי גייט!

מיט דער שנעלקייט פון ווינט איז די בשורה אַוועק,
און נאָך פריער פון פלאַם איז געגאַנגען די שרעק,
און צעפלאָנטערט דעם טראָט, און צעריסן דעם גאַנג
פון דעם שונאס חילות און היטלער־געזאַנג,
ווען אַרויס איז דער האַס, ווי אַ שווערד פון דער שייד:
— ראָקאָסאָווסקי גייט!

אין ווייסרוסישע וועלדער האָט עמיץ דערהערט,
ווי עס האָט זיך אַ טרייסל געגעבן די ערד.
און געווען איז דאָס פונקט, ווי מען צינדט אָן אַ קנויט —
און עס גייט אָן אָן אויפהער דער אויפריים, דער טויט —
די נקמה, וואָס סטאַלין האָט לאַנג שוין געגרייט:
— ראָקאָסאָווסקי גייט!

אויף דער פוילישער ערד, אין דער היים פונם העלד,
האָט די ווייסל אין לויף אויף אַ וויילע זיך געשטעלט.
און געוואַרט איבער איר האָט די שטיינערנע בריק:
אין מונדיר פון באַפרייער זאָל קומען צוריק
דער, וואָס האָט זי אַמאָל איבער ברעגן געשפרייט:
— ראָקאָסאָווסקי גייט!

איבער וואַרשע האָט ווידער דער הימל געברענט
און אין חורבות פאַרוואַנדלט די שטאָטישע ווענט —
די צעריסענע בריק האָט אין תהומען געקראַכט.
נאָר אויף יענער זייט ווייסל האָט סטאַלין געוואַכט
און געעפנט דאָס פייער אויף לענג און אויף ברייט:
— ראָקאָסאָווסקי גייט!

— — — — — — — — — — — — — —

אונזער ווילן איז שטאַרקער פון חורבן און טויט —
סטאַלינגראַד ווערט איינעם מיט וואַרשע געבויט!
און מיט זיכערן ריטם קלאַפּט אויס יעדע שעה:
אין דעם בוי פונם לאַנד — ראָקאָסאָווסקי איז דאָ,
אויב אַ שונא וועט וואַגן — ראָקאָסאָווסקי איז גרייט:
— ראָקאָסאָווסקי גייט!

# א יונגע כינעזערין קעמפט קעגן געלן טייך

„כינעס אומגליק”, דער געלער טייך, ווערט איצט ענדלעך געצוימט דורך מענטשלעכע הענט. זינט פאר־היסטארישע צייטן האט אט דאס ריזיקע וואסער דערטרונקען, אויסגעהונגערט און געמאכט היימלאז אומצאליקע מיליאנען מענטשן.

די פויערים, וואס זיינען באדראט דורך אט דער געפאר, ווערן איצט ארגאניזירט צו ביגרן אין קייטן אט דעם ריז. זיי האבן נאך אבער פאר זיך א לאנגן קאמף.

איינע פון 2 טעכניקער, וואס פירן אן מיט אט דער ארבעט, איז די 27־יאריקע טשיען־טשען־אינג.

עס זיינען פאראן צוויי הויפט־סיבות פאר די צעשטערערישע געוויינהייטן פון געלן טייך. איין סיבה איז דאס אריינגליטשן זיך אין טייך גאנצע מאסן פון געלער זאמדיקער ערד. דערפון נעמט, אגב, דער טייך זיין נאמען „געלך”. **די צווייטע סיבה זיינען די אייז־דאמבעס**, וואס שאפן זיך פון די ריזיקע בקאקן אייז, וועלכע פליסן מיטן שטראם אויף דער אויבערפלאך פון טייך.

די ערשטע געפאר, אז די ברעגעס זאלן זיך אריינגליטשן אין טייך אריין, קאן אויסגעמיטן ווערן דורך רעגולערע פארהיטונג־ארבעטן. אין דער פארגאנגענהייט איז דאס אבער נישט געטאן געווארן צוליב דער קארגשאפט פון דער רעגירונג און צוליב דער אפיציעלער קארופציע. וואס איז שייך די אייז־דאמבעס, האט מען זיי שטענדיק באטראכט אלס א נאטור־אומגליק, לגבי וועלכן מען קאן גארנישט אויפטאן. אבער די באפרייונג פון דער פראווינץ שאנטונג און דאס אנקומען פון אזעלכע פערזאנען ווי טשיען־טשען־אינג, האבן באוויזן, אז אפילו די פארפלייצונגען, וואס ווערן פאראורזאכט דורך אייז־דאמבעס קאנען אויסגעמיטן ווערן דורך דער פאראייניקטער מאכט פון פאלק און דער טעכניק.

אין פעברואר פון פאריקן יאר האט מען געמאלדן, אז א גרויסע אייז־דאמבע האט זיך אויסגעבילדעט אין דעם קני־אויסבויג פון דעם ראיאן פאהאי אין דער פראווינץ שאנטונג. געוויינלעך וואלט דאס געהייסן, אז אין די נאענטסטע 4—5 טעג וועלן ריזיקע שטחים ערד פארפלייצט ווערן. דאס ביורא צו פארהיטן פון פארפלייצונגען אין דער געגנט פון פאהאי, האט תיכף געשיקט מענטשן צו די ארטיקע פויערים, און עס האט מאביליזירט טויזנטער פון זיי אכטונג צו געבן אויף די שליוזעס און **צו אינטערווענירן דארט, ווו עס וועלן זיך באווייזן שוואכע נאכגיביקע ערטער.**

דערווייל איז טשיען־טשען־אינג און אן עקספערט פון דינאמיט־אופרייסן, צוזאמען מיט א שטאב פון א 20 טעכנישע ארבעטער אוועק צום געפערלעכן ארט, און זיי האבן גענומען דורכפירן א פלאן, וועלכן זיי האבן פריער אויס געארבעט.

אנהויבנדיק ביים סוף פון גיגאנטישן אייז־בארג, געבן זיין עק אין דער ריכטונג פון שטראם אראפ, האבן זיי אריינגעטאן אויפרייס־שטאף אין גלעזערנע פלעשער אונטערן אויבערפלאך פון וואסער. ריזיקע שטיקער אייז האבן נאכן אויפרייס זיך אפגעריסן, און האבן גענומען פליסן מיטן שטראם אין דער ריכטונג צום ווייטן ים.

2 טעג צייט האט די גרופע אזוי געארבעט אן אויפהער, קעמפנדיק אויך מיטן פרישן אייז, וואס האט דערווייל זיך אנגעזאמלט אין אנדערן עק פון קאלאסאלן אייז־בארג.

ס'איז געווען א געפערלעכע ארבעט, ווייל שטיקער לויזע אייז זיינען ארומגעשווומען אי־בערן וואסער, און זיי האבן אלע געארבעט די גאנצע צייט אין סאמע טייך, און זיינען אין איזיק| וואסער געווען דורכגעווייקט ביז צו דער הויט.

צום סוף איז די סיטואציע געווארן זייער געפערלעך — אדער דאס אייז וועט זיך איינ־ברעכן, און עס וועט, אפרייסנדיק זיך, זיי אוועקשלעפן מיט זיך און זיי צעשמעטערן



ארויסטריט פון כינעזישן דעלעגאט אויפן יוגנט־פעסטיוואל אין בודאפעשט

אויף פיץ־פיצלעך, אדער דאס אייז וועט פארקערט, נישט נאכגעבן און היות עס וועט אין דער צווישנצייט זיך אנזאמלען אלץ מער פרי־שע אייז, וועט אויסקומען, אז די הארעוואניע פון דער גאנצער גרופע מענטשן איז געווען אומזיסט. וואס־זשע טוט מען?

זיי האבן באשלאסן נישט צוווארטן, נאר אויפצורייסן דאס גאנצע אייז. אבער גראד אין מאמענט, ווען זיי זיינען צוגעקומען צום סאמע מיטן פון דער אייז־מאסע און ווען זיי זיינען געווען גרייט אויסצולייגן די פלעשער מיט די־נאמיט, האט דאס גאנצע אייז אנגעהויבן זיך צו רירן און צו ברעכן זיך.

זיי זיינען צוריקגעלאפן צום ברעג און זיי־נען פונקט אנגעקומען צו דער יבשה אין מאמענט, ווען די גאנצע אייז־מאסע האט זיך איינ־געבראכן, און ריזיקע שטיקער אייז, צוזאמען מיטן וואסער, וואס איז פריער געווען פארהאלטן הינטער דער אייז־דאמבע, האט גענומען שנעל שטראמען אראפ מיטן טייך. טויזנטער לעבנס און היימען זיינען געראטעוועט געווארן. אויף די שליוזעס האבן די דארט פארזאמלטע פויע־רים דערזען, ווי דער ניוואָ פון וואסער ווערט נידעריקער, און זיי זיינען געווען אויסער זיך פון פרייד. זיי האבן באזיגט זייער דורות־אלטן שונא.

דאס איז אבער נאר געווען א העלפט פון דער שלאכט. דער לאנגער קאמף אויף די שליוזעס איז געווען די אנדערע העלפט. יענעם פרילינג האט דאס פאלק, אנגעפירט דורך דעם ביורא צו פארהיטן פון פארפלייצונגען און אונטערגעשטיצט דורך דער דעמאקראטישער רעגירונג און דורך דער קאמוניסטישער פאר־טיי, דורכגעפירט א מאסן־אטאקע קעגן דעם טייך.

פאר א פרייז, וואס שטעלט פאר דעם ווערט פון 23 מיליאן קילאגראם תבואה, האבן זיי פארשטארקט אלע 62 געפאר־פונקטן אויף דעם סעקטאר פון דעם טייך. די גאנצע צייט האבן די ארבעטער אויף די שליוזעס געהאט אויסצו־שטיין במדרדיקע אטאקעס פון קואמינטאנג־אעראפלאנען, פון פיינטלעכע ארמיי־אפטיילונ־גען און פון סאבאטאזשיסטן, און צווישן 1946 און 1948 י. זיינען העכער 300 מאן דער־הרגעט געווארן, טוענדיק אט די לעבנסוויכטיקע ציווילע ארבעט.

און מיט אט דער ארבעט האט עס אנגע־פירט טשיען־טשען־אינג. זי דערציילט, אז ווען זי האט נאך שטודירט אין אוניווערסיטעט, האט זי איינגעזען, אז ביים אלטן רעזשים איז נישטא קיין צוקונפט פאר א יונגער פרוי, ספע־ציעל אויב זי שטרעבט זיך צו פארנעמען מיט טעכניק. דעריבער איז זי אוועק פון שאנכאי צו די באפרייטע געגנטן. זי האט געארבעט א שטיק צייט אלס אן אינזשיניער פון קאמוניקא־ציעס פאר דער פאלקס־ארמיי, און איצט איז זי איינע פון די וויצע־דירעקטארן פון ביורא, וואס פארמעסט זיך צו באהערשן דעם ווילדן געלן טייך. זי וויל בלייבן אויף איר אמט ביז צום מאמענט, ווען אט דער טייך וועט לענגער נישט קאנען באדראען מיליאנען מענטשלעכע לעבנס.

אין לעצטן יאר האט דאס ביורא פארצייכנט א פולקאמען דערפאלג. דאס וואסער האט אין דעם יאר דערגרייכט א געפערלעכע הויך ווי ווען עס איז זינט 1937 י. נישט געקוקט דערויף און אויף די קואמינטאנג באמבארדי־רונגען, האט נישט פאסירט קיין איין פארפליי־צונג. אלע שליוזעס האבן איינגעהאלטן דאס וואסער און נישט נאכגעגעבן.

דער לאנגג־טערמיניקער ציל איז אבער צו שטערן דעם געלן, זאמדיקן באדן אריינצוגלי־טשן זיך אין טייך אריין, און ווען דאס וועט ענדלעך דערגרייכט ווערן, וועט דער טייך זיין פולשטענדיק געצוימט, און ער וועט אויפהערן צו זיין „כינעס קלאג”.

די יונגע וואסער־אינזשיניערין איז זייער א באשיידענע פערזאן. „קיין שום טעכניקער האט נישט געשפילט קיין פראמינענטע ראל אין דעם, וואס איז שוין אפגעטאן געווארן — זאגט זי. אט די גאנצע ארבעט איז דורכגעפירט גע־ווארן פארן פאלק און דורכן פאלק. עס האט גע־קאנט דורכגעפירט ווערן נאר א דאנק דער אנ־פירונג פון דער קאמוניסטישער פארטיי, וואס האט מאביליזירט די טעכניקער און די ארטי־קע איינוווינער צו טאן די ארבעט. דאס איז די הויפט־זאך צו פארשטיין”.

אט אזעלכע מענטשן זיינען די יונגע מענער און פרויען פון כינע, וואס שפילן א זייער אקטיווע ראל אין איבערבויען זייער לאנד.

גרינדונג פון דער אינסטיטוציע, זיינען אַלע 229 יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך דאָ דאַן געפונען, שוין געווען באַשעפטיקט. דערפון האָבן 164 געאַרבעט אין פאַרשידענע פאַבריקן און קאָאָפּעראַטיוון, און 52 האָבן זיך געלערנט. מערסטנס פון די יוגנטלעכע, וואָס האָבן דאַן געאַרבעט, זיינען היינט סטודענטן.

אין 1948 האָבן פאַרלאָזט די בורסע 112 פּערזאָן, וואָס האָבן נאָכן אויסלערנען זיך פאַכן באַקומען אַרבעט אין קאָאָפּעראַטיוון, ווו מען האָט זיי אויך געגעבן זעלבשטענדיקע וווינונגמעגלעכקייטן.

פון די 117 פּערזאָן, וואָס וווינען איצט אין דער בורסע, זיינען 47 אַרבעטנדיקע, 13 לערנען זיך אין מיטל־שולן און 54 זיינען סטודענטן. אויסער דעם זיינען פיר יונגע מיידלעך לעצטנס אויעקגעפאָרן שטודירן קיין ראַטנפאַרבאַנד.

פון די 54 סטודענטן זיינען 22 צוקונפטיקע אינזשעניערן, אַ פּראָפּאָרץ, וואָס זאָגט עדות וועגן אַ נייער אָריענטאַציע ביי דער יידישער יוגנט. 19 מאַן זיינען מעדיקער, 3 פּעדאַגאָגן, איין אַגראָנאָם, אאַ"וו.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז פון די 117 יוגנטלעכע זיינען 101 קיילעכיקע יתומים און 9 האַלבע יתומים.

אין 1946, בעת דער פּאַניק, וואָס די ציוניסטן האָבן אַנטוויקלט נאָך די קעלצער געשעענישן, האָט „השומר הצעיר" אַראָפּגעשיקט 4 אַגיטאַטאָרן אין דער בורסע. זיי האָבן גענומען פירן אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע פאַר „יציאת פּוילן" און זיי האָבן זיך באַמיט צו דעזאָרגאַניזירן דאָס לעבן אין דער יוגנטהיים. זיי האָבן אָבער זייער ציל נישט דערגרייכט. איבעריקנס האָט איינער פון זיי, מאַקס שניידער, זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן אַלס פּשוטער שווינדלער. ער איז דערנאָך צוזאַמען מיט אַ פּאָר שותפים זיינע דערפאַר אַרעסטירט געוואָרן אין קראָקע.

איצט זיינען 85 פּראָצענט פון אַלע בורסאַנטן מיטגלידער אין ז. מ. פּ., אין ז. א. מ. פּ. און אין פּ. ז. פּ. ר.

### וואָס איז וויכטיקער? — מאַטעמאַטיק צי מעדיצין?

מערסטנס פון די בורסאַנטן נעמען אָנטייל אין דער געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער טעטיקייט אין זייערע פאַקולטעטן, ווי אין די קאָאָפּעראַטיוון, ווו זיי זיינען באַשעפטיקט. אויסער דעם איז אָבער אויך פאַראַן אַ היימישע קולטור־טעטיקייט אין דער יוגנטהיים גופא.

ביי אַלע פייערלעכע געלעגנהייטן קומען דאָ פאָר געלונגענע אַקאַדעמיעס, אויף וועלכע עס ווערן אויך איינגעלאַדן יוגנטלעכע פון שטאָט. ווען עס קומען אָן חשובע יידישע געסט קיין לאָדזש. ווערן זיי, געוויינלעך, אויך איינגעלאַדן אין דער בורסע.

לעצטנס איז דאָ פאָרגעקומען אַ געמיינזאַמער אָוונט־ברויט, מיטן אָנטייל פון די יידישע אַקטיאָרן חבל בוזגאַן און שילער. אַלע בורסאַנטן האָבן ביז האַלב 2 אַזייגער ביינאַכט מיט פיל אינטערעס זיך צוגעהערט צו די דערציילונגען פון די געסט וועגן יידישן טעאַטער אין פאַרשידענע לענדער און אין אַמאָליקן פּוילן.

אַלע בורסאַנטן ווייזן אַרויס אַ גרויסן אינטערעס צו דער יידישער קולטור. צוגלייך מיט עקסקורסיעס אין לאָדזשער פּוילישע טעאַטערן, ווערן איינגעאָרדנט קאָלעקטיווע באַזוכן אין יידישן טעאַטער. אין אַזעלכע באַזוכן באַטייליקן זיך צו 30—40 מאַן יעדעס מאָל. איין מאָל זיינען גלייכצייטיק געגאַנגען אין יידישן טעאַטער 90 בורסאַנטן.

צווישן די יונגעלייט און מיידלעך, וואָס זיינען צוגעקומען אין דער בורסע אין שול־יאָר 1948—1949, האָבן זיך געפונען 20 אַנאַלפאַבעטן און ווייניק־גראַמאָטנע מענטשן. זיי זיינען אַלע איינגיכן מיטגעריסן געוואָרן מיטן אַלגעמיינעם שטראָם פון בילדונג, וואָס דאָמינירט אין דער יוגנטהיים. אייניקע פון זיי זיינען איצט באַאַמטע. אַנדערע זיינען ישוין, אָדער וועלן איינגיכן ווערן סטודענטן.

ביים מיטאָג אין עס־צימער האָבן מיר געשמועסט מיט אַ סימפּאַטישן 22־יאָריקן בחור, אַרעק טענענבוים, וואָס האָט אָנקומענדיק אין דער בורסע, נישט געהאַט צומאָל קיין עלעמענטאַר־בילדונג. איצט איז ער אַ סטודענט אין פּאָליטעכניקום, און ער איילט זיך צו דעריאָגן אַלץ, וואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט אין זיין דערציונג.



ביים שאָך־שפּיל

ביי אונזער טיש איז געקומען צו אַ העפטיקן וויכוח צווישן צוויי יוגנטלעכע. איינער פון זיי, דער 21־יאָריקער מיעטעק גאָלדשטיין, איז אַ דרוקער, באַשיידענער חבר־מאַן, וואָס שטודירט מאַטעמאַטיק. אין 1942, ווען דאָס געטאָ פון זיין געבוירן־שטאָט, ראַדאָמסק, איז ליקווידירט געוואָרן, איז ער אַנטלאָפן און ער האָט עטלעכע יאָר געאַרבעט ווי אַ פּויערן־זון אויפן דאָרף. דאָ פּאָלעמיזירט ער איצט מיט פלאַם צו באַווייזן, אַז מאַטעמאַטיק איז וויכטיקער און נוצלעכער פון אַלע אַנדערע וויסנשאַפטן.

ער האָט אָבער אָנגעטראָפן אויף דער געשליפענער צונג פון דער 21־יאָריקער, שוואַרצחנוודיקער זשוטע שאַרפשטיין. זי מעסט אים אָפּ מיט אַ כיטרע, שעלמיש שמייכלען און זי פרעגט זיך כלומרשט האַלב־נאַיוו:

— און ווי וואָלט די מענטשהייט אויסגעזען אָן אונזער מעדיצין?...

זשוטע איז פאַראַיאָרן צוריקגעקומען פון אַ יידן־לאַגער אין דייטשלאַנד, ווו זי איז זיך צעגאַנגען מיט איר מאַמע, וועלכע איז אָפּגעפאָרן קיין ישראל. בעת דער אָקופּאַציע האָט זי געלעבט אין לאָדזשער געטאָ, ווו זי האָט צוגעזען די טרויעריקע אויסווירקונג פון די ליידן און פּיין אויפן גייסט פון קליינע קינדער. שוין דאַן האָט זי באַשלאָסן זיך צו ווידמען פּסיכיאַטריע, אויב זי וועט איבערלעבן דעם קריג. און איצט איז זי מקיים איר נדר, שטודירנדיק מעדיצין.

### אַן אויסטערלישע געשיכטע

איינע פון די אַקטיווסטע פּערזאָנען אין דער בורסע איז די 23־יאָריקע בעלאַ זילבערבערג, וואָס לויפט שטענדיק אַרום פאַרפּאַרעט און וואָס ליגט צו אַ האַנט צו יעדער אַרבעט.

מען האָט אונז דערציילט די אויסטערלישע געשיכטע פון אָט דעם מיידל, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין לאָדזש. בעת דער אָקופּאַציע איז זי אַלס אַ יתומה פאַרשלעפּט געוואָרן אין טשענסטאָכאָווער געטאָ. דאָרט האָט מען אַמאָל אַוועקגעשיקט אַ טראַנספּאָרט קראַנקע קיין טרעבלינקע. צווישן אַנדערן האָט אויך געזאָלט אַוועקגעשיקט ווערן די פרוי פון קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי אין געטאָ. כדי צו ראַטעווען זיין פרוי, האָט דער קאָמענדאַנט אָנגעשטאָט איר אַוועקגעשיקט די יתומה בעלאַ.

ווען בעלאַ האָט זיך דערוווסט, אַז דער צוג פאָרט קיין טרעבלינקע, איז זי אַרויסגעשפּרונגען אינמיטן וועג און זי האָט זיך געראַטעוועט אין אַ דאָרף, ווו זי איז פאַרבליבן אַרבעטן. זי האָט זיך פאַרשאַפט פּאַפּירן אַלס בעלאַ רידזיצקאַ און זי האָט זינט דאַן זיך אויסגעגעבן אַלס אַ פּוילישע. זינט דאַן האָט זי אָנגעהויבן באַטראַכטן די יידן אַלס מערדער, וואָס שיקן יתומים צ.ם טויט קיין טרעבלינקע. זי איז געוואָרן אַ פרומע קאַטאָליטשקע און אַ פאַנאַטישע אַנטיסעמיטקע.

עמיצער פון דער בורסע האָט אַמאָל געטראָפן בעלאַן אין שטאָט ביים זוכן אַרבעט און זי געבראַכט אַהיים. זי איז אָנגעשטעלט געוואָרן אין פּערסאָנאַל פון דער יוגנטהיים. ביי איר טאָג־טעגלעכער אַרבעט האָט זי איינגעזען, אַז נישט אַלע יידן זיינען מערדער... זי האָט זיך געענדערט נישט צו דערקענען.

דערווייל זיינען אויך די בורסאַנטן צופעליק דערגאַנגען דאָס געהיימניש פון דעם „צוריקגעשטאַנענעם פּוילישן מיידל", וואָס גייט אַזוי אָפט אין קירך אַריין.

בעלאַ פילט זיך דאָ איצט ווי ביי זיך אין שטוב. נאָכמער, זי פילט זיך טיילווייז ווי אַ מין באַלעבאָסטע פון גאַנצן יוגנט־הויז. די עלנטע, פאַרוואָרלאָזטע און אומגליקלעכע יתומה האָט דאָ געפונען פריינט, אַן אמתע היים און פיל גליק.

די יוגנט־היים א. נ. פון לעוואַרטאָווסקי האָט אַזוי אַרום אויפגעריכט צו אַ נייַ לעבן פיל יונגע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן פריער זיך נישט געקאָנט געפינען קיין פּלאַץ. זי האָט גענומען אונטער איר שוץ הונדערטער אומגליקלעכע יידישע יתומים, וועלכע זי האָט פאַרוואַנדלט אין ווערדיקע מענטשן, אין שטאָלצע און נוצלעכע בירגער פון אונזער לאַנד, אין גליקלעכע בויער פון סאָציאַליזם.

# פון יוגנט-לעבן אין דזשערזשאניוור

ביי אונז אין שטאט ווערן אין די קאָאָפּע־ ראַטיוון אָרגאַניזירט ספּעציעלע יוגנט־ברי־ גאַדעס, וועלכע האָבן פאַר א ציל וואָס מער יוגנטלעכע אריינציען אין ארבעט־פּראָצעסט. אין „טריקאָט"־קאָאָפּעראַטיוו ציילט די יוגנט־ בריגאַדע 12 מיטגלידער. בריגאַדיר, איז די ח'־ טע גרינבערג עווא. לעצטנס האָט די בריגאַדע ארויסגערופן צום סאָציאַליסטישן געוועט די עלטערע ארבעטער־בריגאַדע. די יוגנטלעכע טוען אַלץ, כדי צו דערגרייכן א הויכע פּראָצענט־ נאָרמע אין דער פּראָדוקציע. ביז איצט פירט אונזער יוגנט־בריגאַדע סיסטעמאַטיש אויס די ארבעט־נאָרמע אויף 120 פּראָצענט.

לעצטנס האָט זיך אָרגאַניזירט א יוגנט־ בריגאַדע אין דעם מענער־שניידער־צעך פון קאָאָפּעראַטיוו „9־טער מאַי" אין א צאָל פון 12 חברים. אַלס בריגאַדיר איז אויסגעוויילט גע־ וואָרן די ח'טע קרעצמער ו. ביים שטעלן די ערשטע טריט אַלס בריגאַדע, האָבן זיי זיך גע־ שטעלט אַן אויפגאַבע פון געבן פּראָדוקציע מי־ נימום 20 פּראָצענט איבער דער נאָרמע. צום געוועט האָבן זיי ארויסגערופן דעם דאַמען־ צעך.

עס איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן א בריגאַדע פון יוגנטלעכע שטעפּער ביים שוסטער־קאָאָ־ פּעראַטיוו „אָדראָדזעניע", דערווייל ציילט זי 6 מאַן. מיט איר פירט אָן דער יונגער בחור דאָ־ ווידאָוויטש. אויך די יוגנטלעכע פון קילים־קאָ־ אָפּעראַטיוו טרעטן צו צו אָרגאַניזירן די יוגנט אין א ספּעציעלער בריגאַדע.

* * *

אויף דער אויסשטעלונג פון וואַנט־צייטונגען, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן ביי אונז אין שטאָט, זיינען די יוגנטלעכע געווען פאַר־ טרעטן מיט 24 וואַנט־צייטונגען אין א ספּע־ ציעלן זאַל. די וואַנט־צייטונגען האָבן רעפּרע־ זענטירט די ז. מ.פּ.־קרייזן ביי די קאָאָפּעראַ־ טיוון, די יידישע שול, סקויט און בורסע.

במשך פון 1949 יאָר זיינען פאָרגעקומען 4 אויסשטעלונגען פון יוגנט־וואַנט־צייטונגען אין די קאָאָפּעראַטיוון.

* * *

אינם כאָר „אָרפעאוש", וואָס עקזיסטירט ביי דער היגער קולט־געזעלשאַפט נעמען אָנ־ טייל איבער 20 יוגנטלעכע. אין די אַרבעטן פון דראַמקרייז ביים קאָאָפּעראַטיוו „9־טער מאַי", מיט וועלכן ס'פירט אָן דער רעזשיסער אָסאָ־ וויצקי באַטייליקט זיך די גרעסטע צאָל יוגנט־ לעכע ארבעטער.

דער דראַמקרייז באַדינט די אַקאַדעמיעס און אימפּרעזן פון די קאָאָפּעראַטיוון־ארבעטער. די נאָענטסטע טעג פאָרט ער ארוים מיט א פאָר־ שטעלונג אויפן דאָרף.

* * *

דער בלאָז־אָרקעסטער פון דער סקויטן־אָר־ גאַניזאַציע אונטער דער אָנפירונג פון ח' מאַר־ קאָוויטש פירט א שיינע ארבעט. עס קומען פאָר־ פּראָבן און עס ווערן געמאַכט צוגרייטונגען צו די נאָענטסטע עפנטלעכע ארויסטריטן. עס ווערן אויך ווערבירט נייע חברים.

* * *

ביי דער יוגנט־היים א. נ. פון דוד עדעל־ שטאַט איז איינגעאָרדנט געוואָרן א ספּעציעלע־ זאַל פאַר זעלבסט־הילף פון די שילער. אין זאַל קומען פאָר נאָרמאַלע לעקציעס פאַר דער לע־ נענדיקער זיך יוגנט.

* * *

אויף דער אַקטיוו־באַראַטונג פון די ז.מ.פּ.־ קרייזן איז באַשלאָסן געוואָרן צו אָרגאַניזירן גע־ מיינזאַם מיט דער יוגנט־היים אַ פייערלעכע אַקאַדעמיע לכבוד דעם 32־טן יאָרטאָג פון דער רויטער אַרמיי. אויסער דעם געלעגנהייט־רע־ פעראַט, איז די יוגנט אַרויסגעטרעטן מיט א רייכן אַרטיסטישן פּראָגראַם.

ז. זילבערבערג

# א לעבהאפטיקע טעטיקייט
## אין דער ווראצלאווער יוגנט היים

סוף יאַנואַר ה. י. איז אין לאָקאַל פון אונ־ זער יוגנט־היים פאָרגעקומען א דיסקוסיע־אָוונט, געווידמעט דעם ארטיקל פון ח' ש. זאַכאַריאַש, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יוגנט־ זשורנאַל „אויפגאַנג" א. נ.: „שיינע מאַרק־ סיסטן... שיינע סאָציאַליסטן"... דעם אַר־ טיקל האָט פאָרגעלייענט פאַר די כאַר־ זאַמלטע ח' העלדמאַן. מיט גרויס אויפמערק־ זאַמקייט און געשפּאַנטקייט האָבן זיך די יוגנט־ לעכע צוגעהערט צו דער אינטערעסאַנטער טע־ מע. דאַן האָבן די צוהערער געשטעלט פיל פראַגן. די דיסקוסיע איז געווען זייער א לעב־ האַפטע. עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט די חברים: קאַניוק, קאַגאַן, וואָלפסאָן, העלדמאַן, זאַכער, רעטיק און אַנדערע. א גרויס אָרט אין דער דיסקוסיע האָט פאַרנומען דער באַגריף: „היימלאַנד". וועגן דער דאָזיקער פראַגע איז אַרויסגעטרעטן דער לייטער פון דער יוגנט־ היים ח' קרעמפּעל. דער אינטערעסאַנטער דיס־ קוסיע־אָוונט האָט אויף די פאַרזאַמלטע אי־ בערגעלאָזן א שטאַרקן איינדרוק.

* * *

לעצטנס זיינען ביי אונז פאָרגעקומען וואַלן צו דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. אין דער אַלגעמיי־ נער פאַרזאַמלונג האָבן אָנטיילגענומען 90 פּראָ־ צענט פון אַלע דערציגלינגען. מיט א באַריכט פון דער ביז־איצטיקער ארבעט פון דער זעלבסט־ פאַרוואַלטונג איז ארויסגעטרעטן דער פאָרזי־ צער ח' מ. קראַוס. איבערן באַריכט איז געפירט געוואָרן א ברייטע דיסקוסיע. די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג האָט אויסגעדריקט צוטרוי דער אָפּטרעטנדיקער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. מיט א מערהייט שטימען זיינען אין דער נייער אינס־ טאַנץ אויסגעוויילט געוואָרן די חברים: פייגענ־ בוים, שניידער, פּשאָלאַ, צוקראָוויטש, גראַניק, לאַרוסאַ, פּיעקאַרסקי און מאַנטעל.

* * *

אין דעם קאָנקורס פון די וואַנט־צייטונגען, וואָס עס האָט איינגעאָרדנט די שטאָטישע פאַר־ וואַלטונג פון דער געזעלשאַפט פאַר פּויליש־ סאָוויעטישער פריינטשאַפט האָט די וואַנט־צײ־ טונג פון דער ווראָצלאַווער יוגנט־היים פאַר־ נומען דאָס דריטע אָרט.

עמ־קא




וואַנט־צייטונג אין דער דזשערזשאַניוווער יוגנט־היים

# קאָנגרעס פון דער וויעטנאַמער יוגנט

ווי עס טיילט מיט דער וויעטנאַמער ראַדיאָ, האָט זיך אין צפון-טייל פון וויעטנאַם אָנגעהויבן דער ערשטער וויעטנאַמער יוגנט-קאָנגרעס.

דער קאָנגרעס האָט באַהאַנדלט די טעטיקייט פון דער וויעטנאַמער יוגנט אין פאַרלויף פון די לעצטע 4 יאָר און באַזונדערס וועגן דעם אָנטייל פון דער יוגנט אין קאַמף קעגן די פראַנצויזישע אימפּעריאַליסטן.

דער קאָנגרעס האָט אָנגעצייכנט נייע אויפגאַבן פאַר דער יוגנט אין דער באַפרייונגס-מלחמה, אויפן געביט פון אויפבוי פון לאַנד, ווי אויך וועגן דעם אָנטייל פון דער וויעטנאַמער יוגנט און דעם קאַמף פון דער יוגנט אויף דער גאַרער וועלט, פאַר שלום און דעמאָקראַטיע.

* * *

דער אַנטי-פאַשיסטישער קאָמיטעט פון דער סאָוויעטישער יוגנט האָט איבערגעשיקט קיין וויעטנאַם פאָלגנדיקע דעפּעשע:

„דעם נאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון יוגנט-פאַרבאַנד אין וויעטנאַם.

טייערע פריינט!

אין נאָמען פון דער סאָוויעטישער יוגנט באַגריסן מיר האַרציק די דעלעגאַטן צום ערשטן נאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון יוגנט-פאַרבאַנד אין וויעטנאַם. מיר ווינטשן דעם יוגנט-פאַרבאַנד ווייטערדיקע דערפאָלגן ביים פאַרשטאַרקן און פאַרייניקן די כוחות פון דער וויעטנאַמער יוגנט צום קאַמף פאַר פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון זייער היימלאַנד, פאַר אויפבויען און פאַרפעסטיקן די וויעטנאַמער דעמאָקראַטישע רעפּובליק.

זאָל לעבן די פריינטשאַפט צווישן דער וויעטנאַמער און סאָוויעטישער יוגנט!

**אַנטי - פאַשיסטישער קאָמיטעט**
**פון דער סאָוויעטישער יוגנט**

# ציפערן און פאקטן

אין מאַלאַיען פאַלט אויס אויף יעדן שילער פינף קינדער וואָס זיינען אויסער די שול.

* * *

אין איראַן באַזוכן די שול בלויז 7 פּראָצענט פון אלע יינגלעך און מיידלעך אין שול-עלטער.

* * *

אין די קאָלאָניאַלע לענדער ארבעטן א גרויסע צאָל קינדער אין די פאַבריקן און אויף די פּלאַנטאַציעס צוגלייך מיט די דערוואַקסענע צו 13—14 שעה א טאָג. אויספירנדיק די זעלבע ארבעט באַקומען זיי א פיל קלענערן לוין ווי די דערוואַקסענע.

* * *

אין אינדיע ארבעטן אויף 72 פּלאַנטאַציעס לויט אָפיציעלע אָנגאַבן, 25,7 פּראָצענט קינדער. אין פאַבריקן וווּ ס'ווערן אויסגעאַרבעט שוועבעלעך, טעקסטיל און קאַפע — זיינען קינדער אין עלטער פון 5—12 יאָר די הויפּט-ארבעטער.

* * *

אין מאַראָקאָ פאַלט אויס אויף 8 מיליאָן איינוווינער — 140 דאָקטוירים, אין אַלזשיר — 128 דאָקטוירים, אין מאַלאַיען פאַלט אויס אויף יעדע 10 טויזנט מענטשן איין דאָקטאָר. אין ניגעריע — איין דאָקטאָר אויף 130 טויזנט איינוווינער...

* * *

אין אינדאָ-כינע ביי דער פראַנצויזישער הערשאַפט זיינען פאַראַן אויף 23 מיליאָן איינוווינער — 994 דאָקטוירים. פאַר דער גאַנצער צייט פון דער פראַנצויזישער הערשאַפט (80 יאָר), האָבן די אימפּעריאַליסטן אויפגעבויט 31 שפּיטעלער. פאַר דער זעלבער צייט, האָבן זיי אויפגעבויט 81 תפיסות, נישט רעכענענדיק שוין די קאָנצענטראַציע-לאַגערן.

* * *

אין איראַן זייגען די גרעסטע טייל ארבעטער-קינדער קראַנק אויף שווינדזוכט, מאָגן און טראַכאָמע. די שטערבלעכקייט פון קינדער ווערט געשאַצט אויף 80—90 פּראָצענט.



א גרופּע דעלעגאַטן פון ווייטן אינדיע הערן זיך צו צו די דעבאַטן אויפן קאָנגרעס.



פוילישע מיידלעך נעמען אויף די יוגנט-פאָרשטייער פון דרום - אפריקע און מאַראָקאָ



די קאָמסאָמאָל-דעלעגאַציע גיט איבער איר פאָן — א מתנה דעם פּרעזידיום פונם אינטערנאַציאָנאַלן יוגנט-קאָנגרעס אין בודאַפּעשט.